בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ

תשפ"ה

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

## עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


ואס טוּט מֶען וֶוען מֶען רֶעדְט שְׁמוּצִיג בַּיים שַׁבָּת טִישׁ?.......................................ב
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הִיטְן פוּן אַזוֹיפִיל מָאל נִכְשָׁל וֶוערְן?.......................................ג
וָואס וֶועט זַיין מִיט אַ שִׁידוּךְ פַאר מִיר?.......................................ו


## אִישׁ אֱמוּנוֹת


וָומֶעג מֶען אִיבֶּערְזָאגְן אַ וָוארְט אִין תְּהִלִים?.......................................א
זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין, נִישְׁט פַארְדֶערְבְּן אַנְדֶערֶע גֶעשְׁוִוסְטֶער.......................................ב
דְרֵיי מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת.......................................ג
אַז מֶען פְּרוּבִּירְט דִיךְ צוּ צֶעבְּרֶעכְן, זָאלְסְטוּ מֶער גֵיין הֲפָצָה.......................................ג
יֶעדְן אֵיינֶעם מְחַזֵק זַיין, אוּן קוּקְן גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם.......................................ד
דִי וָוארְט ׳בַּאשֶׁערְט׳ לָאז פַאר דִי אַנְדֶערֶע זַייט.......................................ה
זַיין פֶּעלְזְן פֶּעסְט צוּ הִיטְן דִי הֲלָכוֹת.......................................ו
אִין זְכוּת פוּן שָׁלוֹם וֶועט זַיין בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.......................................ז
אָנְגֶעטוּן תַּכְרִיכִים צוּ דֶערְמַאנֶען פוּן דִי חֲתוּנָה.......................................ח
לֶערְנֶען הֲלָכָה מִיט דִי בָּחוּרִים.......................................ח
בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ, זַיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.......................................ט
הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ אוּנְז קִינְדֶער.......................................יא
גוּט גֶעלֶערְנְט שְׁווִימֶען, קוּמְט מֶען אָן בְּשָׁלוֹם.......................................יב

יֶעדְן לִיבּ הָאבְּן, אוּן אוֹיךְ דֶרֶךְ אֶרֶץ, קֶען מֶען נָאר מִיט תְּפִלָּה..........................יב
וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען מִיט אַ וַוייבּ...................................................................יג
פְּרֶעגְן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, אָבֶער נָאר מִיט אַן אֱמֶת...........................................יד
אַ מְחַיֶּ' צוּ גֵיין צְווִישְׁן דִי פֶעלְדֶער שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן .......................טו
נָאר מִיט שָׁלוֹם וֶועלְן מִיר מַצְלִיחַ זַיין ....................................................יז
ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת אוּן סְגוּלוֹת וָואס אִיך הָאט נָאכְגִישְׁט פְּרוּבִּירְט...............יח
לוֹיבּ אוֹיס דַיין וַוייבּ פַאר דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ וָואס זִי הָאט גֶעטוּן .......................כ
בֶּענְקֶען, וֶועלְן, אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּבִּיסְלִיךְ...................................................כ
זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן אוּן אָטֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן ..................כא
דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל .......................כב
פְּרוּבִּיר כָאטְשִׁיג אַרוֹיס צוּ גֵיין, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ.....................................כג
דִי שֶׁענְסְטֶע עֲבוֹדָה בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן........................................................כה
מֶען דַארְף מַחְמִיר זַיין מִיטְן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער .........................................כו
אַ דִינֶער פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ.......כז
וָואס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה?...................................................................כח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

### וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען רֶעדְט שְׁמוּצִיג בַּיים שַׁבָּת טִישׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים שׁוֹין בַּאלְד דֶעם הוּנְדֶערְט אוּן אַכְצִיגְסְטְן מָאל, אִיךְ הָאבּ וואוּ צוּ לוֹיפְן וֶוען עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער, אִיךְ הָאבּ וואוּ צוּ דַאנְקֶען וֶוען עֶס אִיז מִיר אַזוֹי גוּט אוּן זִיס, דֶער סֵפֶר תְּהִלִּים גֵייט מִיט מִיר מִיט אִין יֶעדֶע מַצָּב אוּן אִין יֶעדֶע צַייט, עֶס בַּאגְלֵייט מִיר אוּן גֶעבְּט מִיר כֹּחַ אָנְצוּגֵיין.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן וֶוען אִיךְ זִיץ בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ בַּיים שַׁבָּת טִישׁ אוּן אֵיינֶער הוֹיבְּט אָן רֶעדְן פוּן שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן. אִיךְ וִויל זִיךְ הַאלְטְן זוֹיבֶּער אוּן הֵיילִיג אוּן נִישְׁט הֶערְן אַזֶעלְכֶע זַאכְן, אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט דָאס בַּיים שַׁבָּת טִישׁ - וָואס אִיךְ מוּז דָארְט זִיצְן אוּן מִיטְהַאלְטְן - וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען רֶעדְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִצְּלַן - זָאלְט אִיר פַּארְדְרֵייעֶן דִי שְׁמוּעֶס מִיט חָכְמָה, וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט פָּארְט מֶען פוּן אֵיין

עִנְיָן צוּם צְוֵייטְן עִנְיָן, מֶען כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט; זָאלְט אִיר הַאלְטְן קָאפּ, אַרַיינְדְרֵייעֶן נֵייעֶס וָואס אִיז כָּשֵׁר אוּן רֵיין.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ב, מִמֶּלֶךְ וְקֵיסָר), דִי בַּת קֵיסָר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי גַּזְלָנִים: "אִיר זֶענְט גַזְלָנִים מִיט אַייעֶר גְבוּרָה אוּן מִיר זֶענֶען גַזְלָנִים מִיט חָכְמָה", מִיר קֶענֶען אַסַאךְ שְׁפְּרַאכְן וְכוּ'; דָאס אִיז אַ לִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, אַז מֶען קֶען מִיט חָכְמָה אוּן מִיט אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאכְן זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן וֶוערְן בַּארוֹיבְּט פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם; דָאס דַארְף מֶען נִיצְן מִיט מִשְׁפָּחָה, וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין קְרִיגֶערֵייעֶן וְכוּ'; קֶען מֶען מִיט חָכְמָה זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן.

לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם הֵיילִיגְן תְּהִלִּים; זָאגְט תְּהִלִּים אוּן פְּלֶעגְטְס אַרַיין בַּיים זָאגְן דִי תְּהִלִּים אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כה), וֶוען מֶען מַאכְט פוּן תּוֹרָה - תְּפִלָּה, מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אוּן מֶען מַאכְט גְלַייךְ פוּן דֶעם אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת - גֵייט אַרוֹיף אַזֶעלְכֶע שַׁעֲשׁוּעִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען בֶּעפָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הִיטְן פוּן אַזוֹיפִיל מָאל נִכְשָׁל וֶוערְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַארְף זֵייעֶר ווִיכְטִיג הִילְף, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גוּט חַתּוּנָה גֶעהַאט, מִיט אַ וואוּילֶע גוּטֶע אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע וַוייבּ, אָבֶּער מַיין יֵצֶר הָרָע אִיז אַזוֹי גְרוֹיס. אִיךְ זִיץ אִין אַן אָפִּיס מִיט דִי בֶּעסְטֶע פִילְטֶער, אָבֶּער פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד טְרֶעף אִיךְ יֶעדְן טָאג אַ וֶועג צוּ פַאלְן אוּן נִכְשָׁל וֶוערְן אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁפִּיר אִיךְ ווִי אִיךְ וֶוער נָאר וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גֵיי נָאר אוֹיף צוּרִיק צוּ וֶועגְס.

אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד, אִיךְ ווִיל פַארֶעכְטְן מַיינֶע פְּגָמִים, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פוּן זִיךְ אַלֵיין, אִיךְ וֵויס נִישְׁט פַארְוָואס און וִוי אַזוֹי דָאס פַּאסִירְט, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע רְפוּאָה צוּ לֶעשְׁן דִי פֵייעֶר פוּן דִי יֵצֶר הָרָע פוּן נִיאוּף - נָאר דוּרְךְ לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שְׁמוּעֶס, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס", אֲפִילּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייקְט זִיךְ אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַז דוּ ווילְסְט פָּטוּר װֶוערְן פוּן דַיין יֵצֶר הָרָע, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת און לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת. לֶערְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן צְוֵוייטְן; אִין אָנְהוֹיבּ װֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זִינְדִיגְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - פַּארְלִירְט מֶען דֶעם מֹחַ. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (עַיֵּין פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, קי): "סְלוּקָא דִּיסוֹדָא", אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, "עַד אַבָּא וְאִמָּא", גֵייט דֶער פְּגַם בִּיזְן מֹחַ; מֶען פַארְלִירְט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶענְטְרִירְן וְכוּ', אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען וַוייטֶער זָאגְן דִי װֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ טוּן עֲבֵירוֹת און מֶען רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי קְלִיפּוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט דִי קְלִיפּוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית'", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי ווִי דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, תַּלְמוּ"ד בַּאטְרֶעפְט פִיר הוּנְדֶערְט אַכְצִיג, און דִי קְלִיפָּה לִילִי"ת בַּאטְרֶעפְט אוֹיךְ פִיר הוּנְדֶערְט אַכְצִיג, "עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה.

זָאגְן בְּלֶעטֶער גְמָרָא אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים. צַדִּיקִים זָאגְן אוֹיף דֶעם וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קו:): "גְּמָרָא גְמוֹר זְמוֹרְתָּא תְּהֵא", דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "לְ'זַמֵּר' אֶת כָּל הֶעָרִיצִים וּלְהַכְרִית אֶת כָּל הַקּוֹצִים", דָאס שְׁנַיידְט אַװֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס וֶועט זַיין מִיט אַ שִׁידוּךְ פַאר מִיר?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס וֶועט זַיין מִיט אַ שִׁידוּךְ פַאר מִיר? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ וַוארְטְן, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַ חָתָן וֶוערְן?

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**טוּ דִי סְגוּלוֹת פוּן רֶבִּי׳ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו) **: "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי "קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים"; פוּן** (בַּמִּדְבָּר ז, א) **: "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיזְן סוֹף סֶדְרָה, וָואס דָאס אִיז דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה (עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין יֶעדֶע סִידוּר בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה, קְרִיאָה לַחֲנוּכָּה), אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט זָאגְן דִי "קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים" זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי הַארְץ רַייסְנְדֶע תְּפִלָּה פוּן מוֹהֲרַ״ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.**

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָּה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוּן נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵויִיס אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָּה הָאבְּן,**

און דאס וועט מיר העלפן און ראטעווען אז איך זאל מער נישט טון קיין עבירות און איך זאל שוין זיין וואויל און ערליך.

וואס זאל איך טון, רבונו של עולם? פון מיין זייט בין איך גרייט חתונה צו האבן היינט נאכט! וואס קען איך טון אז איך האב נאכנישט געטראפן מיין שידוך? איך ווארט און ווארט און איך בעט דיר שוין אזוי לאנג אז איך וויל שוין חתונה האבן, און דערווייל איז עס נאכנישט אנגעקומען.

די חז"ל זאגן אונז אז ווען איינער האט חתונה נאך די צוואנציג יאר, וועט ער שוין זיין גאנץ לעבן טראכטן פון עבירות, און דו זאגסט אויף אזא מענטש אז זיינע ביינער זאלן צוגיין. פארוואס זאל מיר קומען אזא הארבער עונש אז איך זאל מיין גאנץ לעבן טראכטן פון עבירות, און אז מיינע ביינער זאלן צוגיין? וואס בין איך דען שולדיג? פארוואס קומט עס מיר? איז מיר נישט גענוג די שרעקליכע פיין און ווייטאג וואס איך האב פון דעם אליין אז איך האב נאכנישט חתונה געהאט?

הייליגער באשעפער העלף מיר אז איך זאל זוכה זיין צו האבן סבלנות און געדולד, און אויסווארטן מיט רואיגקייט ביז איך וועל שוין זוכה זיין חתונה צו האבן. העלף מיר אז איך זאל נישט האבן קיין קשיות אויף דיר. העלף מיר אז איך זאל גלייבן מיט א שטארקע אמונה אז דו טוסט אלעס נאר צום גוטן, און יעדע זאך האט א פונקטליכער חשבון, און מיט דעם זאל איך זיך שטארקן און נישט זיין אזוי צובראכן פון מיינע שוועריקייטן.

הייליגער באשעפער, נאר דו קענסט מיר פארשטיין! נאר דו ווייסט מיינע געפילן! ווי אזוי איך שפיר זיך אזוי פארשעמט און דערנידערט פון מיר אליין! אז אלע מיינע חברים האבן שוין חתונה געהאט און נאר איך בין געבליבן אליין! העלף מיר אז די בזיונות זאלן זיין פאר כפרת עוונות אז מיט דעם זאל איך אפקומען אלע מיינע עבירות, איך זאל מער נישט דארפן ליידן אזויפיל און איך זאל שוין זוכה זיין חתונה צו האבן בקרוב.

איך ווייס און איך גלייב, הייליגער באשעפער, אז דו וועסט מיר זיכער נישט פארלאזן. סוף כל סוף וועל איך זוכה זיין חתונה צו האבן. און דערפאר בעט איך דיר, רבונו של עולם, אז ווען איך וועל שוין חתונה האבן זאל איך

זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶט'ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַותֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְּרֵיילִיכֶע הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפְ'ן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה], אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## מֶעג מֶען אִיבֶּערְזָאגְן אַ וָוארְט אִין תְּהִלִּים?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת ה׳תשפ״ה

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא, טְבֶרְיָ׳**

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר הָאט הֲנָאָה פוּן בֵּית פֵיגָא, אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים אוּן אִיר הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט אֵיין אוּן דְרַייסִיג מָאל תְּהִלִּים, דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן זָאגְן תְּהִלִּים, זָאגְן תְּהִלִּים קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיף אַייעֶר פְּרַאגֶע אוֹיבּ מֶען מֶעג אִיבֶּער זָאגְן אַ וָוארְט אִין תְּהִלִּים מֶער ווִי אֵיין מָאל; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, אַוַודַאי אוּן אַוַדַאי מֶעג מֶען, אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אוּן מֶען קוּמְט אָן צוּ אַ וָוארְט אוּן מֶען פַארְבֶּענְקְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וויל נָאכְאַמָאל זָאגְן דִי וָוארְט - זָאגְט מֶען עֶס אִיבֶּער.

אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען בַּיים זָאגְן תְּהִלִּים זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען רֶעדְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. מֶען פְלֶעגְט הֶערְן בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים זָאגְן תְּהִלִּים אוּן ווִי זֵיי זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, בִּשְׁעַתְ׳ן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער הוֹשִׁיעֵנוּ פְלֶעגְן זֵיי זָאגְן: ״הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער״; וואוֹיל אִיז דֶער וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר זָאגְט תְּהִלִּים אוּן אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, וֶועט אִים זַיין גוּט בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין, נִישְׁט פַארְעֶכְטְן אַנְדֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ אַייעֶר מַאמֶע, וֶוען אַייעֶר מַאמֶע גֵייט צוּ אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער אוֹיף שַׁבָּת אוּן אִירֶע קִינְדֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן זִי זָאגְט זֵיי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - קוּמְט אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער צוּ לוֹיפְן אוּן זָאגְט פַאר עֶנְקֶער מַאמֶע: "מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אַרַיין, זָאג נִישְׁט, טוּ נִישְׁט, טֵייל נִישְׁט אַיין"; אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן.

רִיכְטִיג אִיז אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין, אִיר זָאלְט רֶעדְן שֵׁיין, וַוייל אַז אִיר וֶועט רֶעדְן וֶועט מֶען אַייךְ דָאךְ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אַ מַאמֶע, אִיר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אַ בַּאגְרִיף פוּן דִי טֵייעֶרְקֵייט פוּן אַ מַאמֶע, אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער זֶענֶען נֶעבֶּעךְ נָאכְנִישְׁט מְקוּרָב, זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי טֶערָאפִּיסְטְן וָואס הֶעצְן אָן דִי יוּגֶענְט קֶעגְן עֶלְטֶערְן, אוֹיף דֶעם זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יְבָמוֹת סה:): "כְּשֵׁם שֶׁמִּצְוָה עַל אָדָם לוֹמַר דָּבָר הַנִּשְׁמָע", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ פַארְעֶכְטְן אוּן זָאגְן וָואס אִיז רִיכְטִיג וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיס, "כַּךְ מִצְוָה עַל אָדָם שֶׁלֹּא לוֹמַר דָּבָר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע", אַזוֹי אִיז אַ מִצְוָה נִישְׁט צוּ זָאגְן וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז מֶען וֶועט נִישְׁט אָנְנֶעמֶען.

אִיר זָאלְט שֵׁיין רֶעדְן צוּ אַייעֶר מַאמֶע, אִיר זָאלְט אִיר מְכַבֵּד זַיין, אִיר זָאלְט אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן, דָאס וֶועט אַייךְ זַיין אַ זְכוּת פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דְרֵיי מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא טְבֶרְיָ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַה מְחַיֶ׳ אַז אִיר הוֹיבְּט אָן דִי טָאג מִיט דְרֵיי מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת; אֵיין מִינוּט דַאנְקְט אִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיין מִינוּט גֶעבְּט אִיר אַוֶועק פַאר תְּשׁוּבָה, אוּן נָאךְ אַ מִינוּט פַאר תְּפִלָּה וּבַקָּשָׁה.

אִין אֶמֶת׳ן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן אַ גַאנְצְן טָאג נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תלח), אָבֶער אַז מֶען קֶען נִישְׁט - זָאל מֶען זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען אַ צַייט, אַ שָׁעָה יֶעדְן טָאג - צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט מוֹהֲרָא״שׁ אוּן זָאגְט, הוֹיבּ אָן מִיט אַפָּאר מִינוּט אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט וֶוערְן דִי גַאנְצֶע טָאג אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן; הוֹיבְּט אָן מִיט דְרֵיי מִינוּט, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט אִיר מַאכְן נָאךְ אַמָאל דְרֵיי מִינוּט, אוּן נָאכְדֶעם פִינְף מִינוּט, אוּן אַזוֹי וֶועט דִי גַאנְצֶע טָאג זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן מִיט טְרַאכְטְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען פְּרוּבִּירְט דִיךְ צוּ צֶעבְּרֶעכְן, זָאלְסְטוּ מֶער גֵיין הֲפָּצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן? וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט וִוי מֶען בַּארִימְט זִיךְ אִין הִימְל מִיט אַ מֵפִיץ, וִוי חָשׁוּב אִין הִימְל אִיז דֶער וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט - וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶוען צֶעבְּרָאכְן, דוּ וָואלְסְט גֶעטַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה פוּן דִי נַחַת רוּחַ וָואס דוּ בִּיסְט גוֹרֵם אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יִצְחָק מְדְרָאבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אִיז רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ אִים אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייֶער זוּן רֶבִּי מִיכְל'עֶ זְלָאטְשׁוֹבֶער אַז אוֹיבְן אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?" הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מְדְרָאבִּיטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר לֵייגְט אַרַיין כֹּחוֹת אִין דַאוֶוענֶען וְכוּ'", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "פַאר דֶעם אַלֵיין וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִיקִים לֵייגְן אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי", הָאט דֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט: "עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעעֶנְפֶערְט: "דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, ווַייל אַסַאךְ צַדִיקִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיין רַעַשׁ'ט זִיךְ נָאכְנִישְׁט", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "צוּלִיבּ זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ'", הָאט רַשִׁ"י נָאכְאַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מְדְרָאבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר ווַייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק", הָאט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶר אִיז אַזוֹי חָשׁוּב".

אַז מֶען פְּרוּבִּירְט דִיךְ צוּ צֶעבְרֶעכְן - זָאלְסְטוּ וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, אוּן מֶער גֵיין הֲפָצָה, מֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**יֶעדְן אֵיינֶעם מְחַזֵק זַיין, אוּן קוּקְן גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת מִקֵץ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר מֶעסֶעדְזְשׁ.

ווּאוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר זֶענְט מְשַׁמֵשׁ דֶעם רֶבִּי'ן, אִיר פַארְשְׁפְּרֵייט דִי

זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִיר נֶעמְט זֵיי צַאם אֵיין מָאל אַ וָואךְ, אִיר רֶעדְט מִיט זֵיי אוּן אִיר גֶעבְּט זֵיי צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פַאר פְרוּיעֶן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

הָאט נִישְׁט חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ', זַייט יֶעדְן דַן לְכַף זְכוּת, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט אוּן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם מְחַזֵק זַיין אוּן קוּקְן גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי קֶען מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם בְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ זֶע אַ חִסָרוֹן בַּיי אַ צְוֵוייטְן, אִיז דָאס אָדֶער וַוייל הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט יֶענֶעם טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אַז אִיךְ הָאבּ יָא גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת - אִיז דָאס גֶעוֶוען ווִינְצִיג".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי וָוארְט 'בַּאשֶׁערְט' לָאז פַאר דִי אַנְדֶערֶע זַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז מֶען טְרָאגְט דִיר אָן אַ שִׁידוּךְ - זָאלְסְטוּ עֶס נִישְׁט אָפְּזָאגְן; דִי וָוארְט 'בַּאשֶׁערְט' לָאז פַאר דִי אַנְדֶערֶע זַייט, זָאלְן זֵיי אָפְּזָאגְן דִי שִׁידוּךְ, אוּן אַז מֶען זָאגְט דִיר 'נֵיין' - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, נָאר זָאגְן עֶס אִיז נִישְׁט 'בַּאשֶׁערְט', אָבֶּער דוּ פוּן דַיין זַייט זָאלְסְטוּ זַיין גְרֵייט אוֹיף יֶעדֶע שִׁידוּךְ וָואס מֶען טְרָאגְט דִיר אָן, זָאלְסְט חַתוּנָה הָאבְּן נָאר צוּ טוּן רְצוֹן הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי גְרוֹיסֶע פַיינְט וָואס הֵייסְט 'צַייט', וַוייל מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען גֵייט שׁוֹין צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען מוּז חַתוּנָה הָאבְּן אוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער.

וואוֹיל אִיז דֶער וָואס וֶועלְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר טוּט דֶעם רָצוֹן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶועט אִים זַיין גוּט בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיין פֶּעלְזְן פֶּעסְט צוּ הִיטְן דִי הֲלָכוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הִיט דִי הֲלָכוֹת פוּן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה, מֶען מוּז הִיטְן דִי הֲלָכוֹת, אוּן אַז דַיין וַוייבּ וֵויינְט וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער בְּלַייבְּן הִיטְן דִי הֲלָכוֹת; וֵויינֶען אִיז נִישְׁט שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי תּוֹרָה. אוֹיבּ מֶען הִיט דִי הֲלָכוֹת בְּלַייבְּט דִי שְׁטוּבּ גַאנְץ, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט, גֶעט מֶען זִיךְ בַּיים סוֹף חַס וְשָׁלוֹם.

וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר מִיט דַיין וַוייבּ אוּן דֶערְצֵיילְט וְכוּ׳ - הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, וַוייל אִיךְ וֵייס וָואס דֶער סוֹף אִיז אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט קַיין הֲלָכוֹת, דִי תּוֹרָה זָאגְט (וַיִּקְרָא יח, כט): "וְנִכְרְתוּ", מֶען וֶוערְט פַארְשְׁנִיטְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת יג.), אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: "מַעֲשֶׂה בְּתַלְמִיד אֶחָד שֶׁשָּׁנָה הַרְבֵּה וְקָרָא הַרְבֵּה וְשִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הַרְבֵּה, וּמֵת בַּחֲצִי יָמָיו", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן זֵייעֶר יוּנְג, זַיין וַוייבּ הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּמְלוֹיפְן צוּ אַלֶע שוּלְן אוּן יְשִׁיבוֹת אוּן גֶעפְרֶעגְט, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מַיין מַאן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי תּוֹרָה (דְבָרִים ל, כ): "כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ", וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה וֶועט לַאנְג לֶעבְּן, מַיין מַאן הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה - חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, פַארְוָואס אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי יוּנְג? ! "וְלֹא הָיָה אָדָם מַחֲזִירָהּ דָּבָר", אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, אֵיינְמָאל - דֶערְצֵיילְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא - בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי פְרוֹי אוּן זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "אִיר הָאט גֶעהַאלְטְן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַוַודַאי הָאבְּן מִיר גֶעהַאלְטְן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה", הָאט

איר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט פִּינְקְטְלִיךְ צִי זִי קֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה, בִּיז זִי הָאט מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז אִיר מַאן הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף דִי הֲלָכוֹת אִין דִי שִׁבְעָה נְקִיִּים; הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיר גֶעזָאגְט: "בָּרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁהֲרָגוֹ", גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט אִים גֶע'הַרְגְ'עֶט, וַוייל אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא יח, יט): "וְאֶל אִשָּׁה בְּנִדַּת טֻמְאָתָהּ לֹא תִקְרַב".

טוּ תְּשׁוּבָה, אוּן זֶע צוּ פָארְן מִיט דַיין וַוייבּ קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוּן זָאגְן דָארְט דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אוּן מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה זָאלְסְטוּ זַיין פֶּעלְזְן פֶּעסְט צוּ הִיטְן דִי הֲלָכוֹת.

...

## אִין זְכוּת פוּן שָׁלוֹם וֶועט זַיין בְּרָכָה וְהַצְלָחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְּרַאגֶע וְכוּ'; אִיר זָאלְט אַלֶעס טוּן לְמַעַן הַשָּׁלוֹם, שָׁלוֹם אִיז קְדוּשָׁה, שָׁלוֹם אִיז אֱמֶת, דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז שָׁלוֹם, דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פַאר דִי קִינְדֶער אִיז שָׁלוֹם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שָׁלוֹם, סִימָן יז): "עַל יְדֵי רְדִיפַת שָׁלוֹם מַצִּיל לְבָנָיו מִמִּיתָה וּמִגָּלוּת", דוּרְךְ זוּכְן שָׁלוֹם רַאטֶעוֶועט מֶען דִי קִינְדֶער פוּן מִיתָה אוּן פוּן גָלוּת. דִי גַאנְצֶע בְּרָכָה קוּמְט דוּרְךְ שָׁלוֹם, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן יח): "הַבְּרָכָה בָּא עַל יְדֵי שָׁלוֹם", בְּרָכָה קוּמְט דוּרְךְ שָׁלוֹם.

לֶעבְּט נִישְׁט מִיט קַיין סְפֵיקוֹת, גֶעבְּט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע זַאךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּט אַלֶעס נָאר פַאר שָׁלוֹם, וּבִזְכוּת שָׁלוֹם וֶועט זַיין בְּרָכָה וְהַצְלָחָה, אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן לֶעבְּן אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין גָלוּת לֶעבְּן, נָאר אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָנְגֶעטוּן תַּכְרִיכִים צוּ דֶערְמַאנֶען פוּן דִי חֲתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פָּארִיגֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ פַאר הַחָתָן ..., מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס וֶוערְטֶער. אֵיינֶער הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי מֶען הָאט אִים אָנְגֶעשְׁרָאקְן פַאר זַיין חוּפָּה אַז מֶען טוּט אָן דִי וַוייסֶע קִיטְל צוּ דֶערְמַאנֶען אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט מֶען אָנְטוּן דִי וַוייסֶע תַּכְרִיכִים, אַז עֶס אִיז אִים מַמָּשׁ שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חֵשֶׁק צוּ זַיין חוּפָּה.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז אִין בְּרֶסְלֶב זָאגְט מֶען פַארְקֶערְט, מֶען זָאגְט פַארְן נִפְטָר אִין דִי אוֹיעֶר: ״קוּק, מֶען הָאט דִיר אָנְגֶעטוּן וַוייסֶע תַּכְרִיכִים, דֶערְמַאן זִיךְ אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן גֶעבְּרֶענְגְט קִינְדֶער מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, הָאסְט זֵיי מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען, אִיז וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי בְּעַצְבוּת? דוּ לָאזְט אִיבֶּער דוֹרוֹת וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיפְן דֶרֶךְ הַיָּשָׁר״.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס מַאכְט אוּנְז פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁלֶעפְּט אוּנְז אַרוֹיס פוּן דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶערְנֶען הֲלָכָה מִיט דִי בָּחוּרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים הֲלָכָה; הִלְכוֹת בְּרָכוֹת, הִלְכוֹת תְּפִלָּה, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן טָאג טֶעגְלִיךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן דִי יוֹם טוֹב; חֲנוּכָּה לֶערְן מִיט זֵיי הִלְכוֹת חֲנוּכָּה, פּוּרִים לֶערְן מִיט זֵיי הִלְכוֹת פּוּרִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אַז דוּ פָּארְסְט מִמֵּילָא אַרִיבֶּער דִי שְׁטוּבּ פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן - זָאלְסְטוּ

יֶעדְן טָאג אַרוֹיפְגֵיין צוּ דַיין מַאמֶע אִיר בַּאגְרִיסְן, אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט אַ מַעֲשֶׂה, מִיט אַ גוּט וָוארְט. הַיינְטִיגֶע טֶעג - וֶוען אַלֶע הָאבְן אַ קַאר - אִיז אַזוֹי גְרִינְג צוּ טוּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן אֲפִילוּ מֶען וואוֹינְט אַבִּיסְל וַוייט - דַארְף מֶען כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ חוֹדֶשׁ אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן, אוּן אַז מֶען וואוֹינְט נָאנְט - כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ, אוּן אַז מֶען וואוֹינְט אִין דִי זֶעלְבֶּע שְׁטָאט, דִי זֶעלְבֶּע גֶעגְנְט - דַארְף מֶען גֵיין יֶעדְן טָאג צוּ זֵיי.

זַיי מְחַיֶה דַיין מַאמֶע. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (קִידּוּשִׁין ל:): "בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מַעֲלָה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַזוֹי וִוי מֶען אִיז מִיךְ מְכַבֵּד; דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, "הוּקַשׁ כִּיבּוּד אָב וָאֵם לִכְבוֹדוֹ שֶׁל מָקוֹם" (בָּבָא מְצִיעָא לב.), עֶס אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וִוי מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ, זַיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד

בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ שְׁרַייבְּט מִיר אַז עֶס אִיז אִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, זִי וַוארְט גַאנְצֶע נֶעכְט דוּ זָאלְסְט אַהֵיים קוּמֶען, זִי גֵייט יֶעדֶע נַאכְט אַלֵיין שְׁלָאפְן, זִי שְׁרַייבְּט זִי שְׁפִּירְט וִוי עֶס גֵייט שׁוֹין צוּ אִיר מֹחַ, וִוי זִי גֵייט כַאפְּן אַ נֶערְוֶועןן צַאמְבְּרָאךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

בִּיסְט דָאךְ אַ קְלוּגֶער אִינְגֶערְמַאן, בִּיסְט נִישְׁט קַיין נַאר, וָואס וֶועסְטוּ טוּן אַז דַיין וַוייבּ וֶועט חַס וְשָׁלוֹם בַּאקוּמֶען אַ נֶערְוֶועזְן צַאמְבְּרָאךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ? עֶס וֶועט דִיר דָאךְ זַיין אַזוֹי בִּיטֶער, אִיז פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַהֵיים קוּמֶען צֵייטְלִיךְ, זַיין אִין שְׁטוּבּ, הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן מְחַזֵּק זַיין דִי וַוייבּ, זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן צֵייטְלִיךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין צֵייטְלִיךְ.

דו אַלֵיין בִּיסְט מוֹדֶה אַז דַיין וַוייבּ אִיז דִיר אַזוֹי גוּט, זִי אִיז דִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי, מֶען זֶעט נִישְׁט אַזַא גֶעטְרֵיישַׁאפְט בַּיי אַנְדֶערֶע פְּרוֹיעֶן, קוּמְט אִיר נִישְׁט צוּ זִיצְן אַלֵיין נַאכְט נָאךְ נַאכְט; וָואלְסְטוּ גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואלְסְטוּ גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גַאנְצֶע נֶעכְט - וָואלְט מֶען אִיר גֶעדַארְפְט גֶעבְּן חִיזּוּק זִי זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיר מַאן לֶערְנְט, אָבֶּער וואוּ בִּיסְטוּ? דוּ זִיצְט אִין קִיאַסְק, פַארְבְּרֶענְסְט דַיינֶע נֶעכְט; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס אִיז שׁוֹין דָא צוּ טוּן אַזוֹי לַאנְג אוֹיפְן קָאמְפְּיוּטֶער? מוֹהֲרָא"ש רוּפְט אָן דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער 'מְכַשֵּׁף' וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין סז:), וָואס אִיז דִי לָשׁוֹן כִּישׁוּף? "מַכְחִישִׁין פָּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה", דָאס טוּט אָפְּשְׁוַואכְן דִי כֹּחַ פוּן דִי קְדוּשָׁה, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער קָאמְפְּיוּטֶער - מַחְשֵׁב (מְכַשֵּׁף); "לָמָּה נִקְרָא שְׁמָן כְּשָׁפִים, שֶׁמַּכְחִישִׁין פָּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה".

מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אִיךְ גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף אוֹיף דִיר, אִיךְ וֵייס דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט אוּן דוּ וֶועסְט זַיין גוּט, אוּן אֲפִילוּ מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט, פְּרוּבִּיר אִיךְ נָאכְאַמָאל דִיךְ בֶּעטְן זָאלְסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער.

בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט, בַּיינַאכְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ, זִיץ מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא, לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; זָאג מִשְׁנַיוֹת, זָאג גְמָרָא - וֶועסְטוּ זִיךְ מְדַבֵּק זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִשְׁנַיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, מִשְׁנַיוֹת אִיז מְשַׁנֶּה דֶעם מֶענְטְשׁ, מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען גְמָרָא, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ אוּן לֶערְן גְמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקּוּנִים תִּיקּוּן ג', יח:): "וּמָאן דְּבָעֵי לְמֶחֱזֵי לְמַלְכָּא, לֵית לֵיהּ רְשׁוּ לְמֶחְזְיֵיהּ אֶלָּא בְּבֵיתֵיהּ", וֶוער עֶס ווִיל זֶען דֶעם קֶענִיג - קֶען אִים נָאר זֶען אִין שְׁטוּבּ, "וְרָזָא דְמִלָּה חָכְמָה לָא אִשְׁתְּמוֹדְעָא אֶלָּא בְּבֵיתֵיהּ", קֶען מֶען זָאגְן בְּדֶרֶךְ אֶפְשָׁר, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אַז מֶען אִיז אִין שְׁטוּבּ; מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

יֶעצְט חֲנוּכָּה אִיז אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן מִיט לִימּוּד הַתּוֹרָה. זַיְין אִין שְׁטוּב אוּן זָאג גְּמָרָא, דָאס וֶועט פַּארְבְּרֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד' בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל הַקְּלִיפָּה הַמַּחְטִאַת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁנִּקְרֵאת לִילִית", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא - פַּארְבְּרֶענְט מֶען דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית.

עֶס אִיז אַזַא נִישְׁט גוּטֶע גֶעפִיל, וֶוען דִי וַוייבּ גֵייט אַרְבֶּעטְן אִינְדֶערְפְרִי אוּן זִי זֶעט וִוי דֶער מַאן בְּלַייבְּט שְׁלָאפְן בִּיז סוֹף טָאג, אוּן וֶוען זִי קוּמְט אַהֵיים דֶעמָאלְט הוֹיבְּט דֶער מַאן אָן זַיין טָאג, אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶר נֶעְלָם בִּיז סוֹף נַאכְט. אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֵיי מֶער נִישְׁט אִין קַיין קִיאַסְק, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ, זַיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ אוּנְז קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זוּנְטָאג, נָאכְדֶעם וָואס דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר מִיט דַיין וַוייבּ, עֶנְק הָאבְּן גֶעוֵויינְט פַּאר קִינְדֶער, עֶנְק ווילְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער - בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ מִשְׁפָּחָה חֲתוּנָה אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בִּזְיוֹנוֹת, קִינְדֶער אוּן יוּנְגֶע בָּחוּרִים הָאבְּן גֶענוּמֶען קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה (זֶעט אוֹיס אַ מֵפִיץ אִיז גֶעוֶוען דָארְט בַּיי דִי חֲתוּנָה), זֵיי הָאבְּן דָאס צֶערִיסְן אוּן אַרוּם גֶעוָוארְפְן, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט שְׁטִילֶע בִּזְיוֹנוֹת, בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט רַחְמָנוּת, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין בְּרַחֲמִים וּבַחֲסָדִים.

הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶנְק זָאלְן הָאבְּן קִינְדֶער; אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז עֶנְק זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ, אוּן זִי זָאל דִיךְ שְׁטַארְקְן. יֶעדְן טָאג זָאלְן עֶנְק אִינְאֵיינֶעם דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאכְדֶעם אִינְאֵיינֶעם בֶּעטְן:

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ אוּנְז קִינְדֶער, הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גוּט גֶעלֶערְנְט שְׁוִוימֶען, קוּמְט מֶען אָן בְּשָׁלוֹם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא טְבֶרְיָ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר הָאט הַנָאָה אִין בֵּית פֵיגָא. הֶערְט זִיךְ גוּט אַיין וָואס אַייעֶרע לֶערֶערִינְס לֶערְנֶען, נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט אִיר אַרוֹיס פוּן סְקוּל, אִיר גֵייט חֲתוּנָה הָאבְּן, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ רוֹישִׁיגֶע וַואסֶער, אוּן נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ גוּט גֶעלֶערְנְט שְׁוִוימֶען - קוּמְט מֶען אָן בְּשָׁלוֹם, אַזוֹי אִיז דִי לֶעבְּן; דִי יָארְן וָואס מֶען גֵייט אִין שׁוּלֶע לֶערְנְט מֶען אוֹיס שְׁוִוימֶען, מֶען לֶערְנְט אוֹיס וִוי זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען אִין לֶעבְּן; דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ אֱמוּנָה, דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְטְרֶענְקֶען.

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, אֲפִילוּ אַבִּיסְל; וַוייל וֶוער עֶס זָאגְט תְּהִלִּים אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יֶעדְן לִיבּ הָאבְּן, אוּן אוֹיךְ דֶרֶךְ אֶרֶץ, קֶען מֶען נָאר מִיט תְּפִלָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי קְרִיַּת בְּרֶסְלֶב**

גֶעדֶענְק וָואס אַ גַּבַּאי מֵיינְט, שְׁמֵייכְלֶען אוּן אוֹיפְלֶעבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם בְּלִי

יוֹצֵא מִן הַכְּלַל, און זֶען אִין יֶעדְן אֵיינֶעם נָאר דָאס גוּטְס, און אַז מֶען זֶעט חֶסְרוֹנוֹת - דַארְף מֶען גֵיין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִין די פֶעלְדֶער און אִין די וֶועלְדֶער.

אוֹיךְ דַארְף מֶען זֶען אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, די שׁוּל און אַזוֹי אַלֶעס אַרוּם - זָאל זַיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, און מִיט מַאכְן אַ גוּטֶע נָאמֶען פַארְן צַדִּיק; אוֹיפְהֶייבְן דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק, "צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְן צַדִּיק; בִּפְרַט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ דַארְף מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין עֶס זָאל זַיין אַלֶעס מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז די צְוֵויי זַאכְן - יֶעדְן לִיבּ הָאבְּן און זֶען עֶס זָאל זַיין סֵדֶר און דֶרֶךְ אֶרֶץ - קֶען מֶען נָאר צַאמְשְׁטֶעלְן מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

בִּיטֶע אִיבֶּערְגֶעבְּן אִין שְׁטֶעטְל פַאר די אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיפְקוּמֶען צוּ מַיין חֲנוּכָּה לִיכְט צִינְדְן, אִיךְ ווִיל צִינְדְן פְּרִיוַואט מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, מִכַּמָּה טְעָמִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

## ווִי אַזוֹי רֶעדְט מֶען מִיט אַ וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ גֶעדֶענְקְסְט די דִיבּוּרִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אִין אוּמַאן, ווִי מֶען קֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן די וַוייבּ, און ווִי מֶען רֶעדְט מִיט אַ וַוייבּ. מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְוַוייזְן פַאר די וַוייבּ אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, אֲפִילוּ זִי זָאל זָאגְן אוֹיף טָאג - נַאכְט און אוֹיף נַאכְט - טָאג, זָאל מֶען אִיר נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין און נִישְׁט אוֹיפְוַוייזְן אַז זִי ווֵייסְט נִישְׁט, נָאר מִיט גֵיין מִיט אִיר און הָאבְּן סַבְלָנוּת.

אַז זַאכְן טוּעֶן דִיר ווֵיי פוּן דַיין וַוייבּ וְכוּ' וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְווֵיינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

**פְרֶעגְן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, אָבֶּער נָאר מִיט אַן אֱמֶת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרַט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת א, ו): ״עֲשֶׂה לְךָ רַב״, נֶעם זִיךְ אַ רָב, נֶעם זִיךְ אַ רֶבִּי וָואס וֶועט דִיר לֶערְנֶען ווִי צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען מוּז הָאבְּן אַ רָב, אָן אַ רָב קֶען מֶען זֵייעֶר פַארְקְרִיכְן. מֶען דַארְף זוּכְן אַ רָב וָואס אִיז דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין אוֹיךְ צוּ וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן ווִי מֶער מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵל פַארְן רֶבִּי׳ן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין מֶער אוּן מֶער קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע, ׳וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דֶער מַאן ווִיל פְרֶעגְן אוּן טוּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אָבֶּער דִי וַוייבּ ווִיל נִישְׁט פְרֶעגְן אוּן ווִיל טוּן ווִי זִי פַארְשְׁטֵייט?׳ דַארְף מֶען דָאס אוֹיךְ זָאגְן פַארְן רָב, אוּן וֶוען מֶען פְרֶעגְט דִי פְרַאגֶע דַארְף מֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַז ׳אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן, אָבֶּער מַיין וַוייבּ ווִיל אַזוֹי אוּן אַזוֹי׳, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַארְקֶערְט, אוֹיבּ דִי פְרוֹי הָאט אַ רָב, אַ רֶבִּי - וֶועם זִי פְרֶעגְט אִירֶע שְׁאֵלוֹת, אוּן דֶער מַאן ווִיל נִישְׁט פְרֶעגְן - זָאל זִי אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַז אִיר מַאן ווִיל אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אוּן דֶער רֶבִּי וֶועט אִיר מַדְרִיךְ זַיין ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דֶער עִיקָר עֶס זָאל זַיין מִיט אַן אֱמֶת אוּן מִיט בִּיטוּל, נִישְׁט אוֹיף נָאכְצוּמַאכְן אַנְדֶערֶע וְכוּ׳, אוּן נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען צַייט פוּן רֶבִּי׳ן, אִים אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי צוּ עֶנְטְפֶערְן וְכוּ׳. אַזוֹי ווִי דִי מַעֲשֶׂה, אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי׳ן, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל פוּן נֶעמִירוּב, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי׳ן אַז עֶר זָאל אִים

לָאזְן פָארְן צוּ אַ גֶעוויסֶע פְּלַאץ - וואוּ עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ מִלְחָמָה - פַּאר פַּרְנָסָה; הֱיוֹת דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט פָארְן הָאט אִים דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעזָאגְט בְּפֵירוּשׁ עֶר זָאל נִישְׁט פָארְן, נָאר דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "זָאלְסְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַז יָא מִיט נֵיין אִיז בַּיי דִיר גְלַייךְ, אוּן זָאלְסְט זָאגְן פִינְף קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, נָאכְדֶעם ווִי אַזוֹי עֶס וֶועט דִיר אַרַייְנְקוּמֶען אִין מַחֲשָׁבָה - אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן", עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זָאגְנְדִיג: "עֶס אִיז מִיר אַרַיין אִין מַחֲשָׁבָה אִיךְ זָאל יָא פָארְן", פַּארְן רֶבִּי'ן אִיז דָאס נִישְׁט גֶעפָאלְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעווּיסְט קְלָאר אַז דֶער אִיד הָאט נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט יָא אוּן נֵיין צוּגְלַייךְ (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתקע); זֶעט מֶען אַז נָאר וֶוען מֶען ווִיל טַאקֶע הֶערְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּ זָאגְן, אַ יָא אוּן אַ נֵיין אִיז גְלַייךְ - נָאר דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען דֶעם רִיכְטִיגְן עֶנְטְפֶער.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, "שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם", לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן, "כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד" דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ; מֶען זָאל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן עוֹסֵק זַיין וָואס מֶער אִין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם צַדִּיק אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

**אַ מְחַיֶּ' צוּ גֵיין צְווִישְׁן דִי פֶעלְדֶער שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

הָאסְט מִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיוו, הָאסְט מִיךְ מַמָּשׁ

אוּיפְגֶעלֶעבְּט מִיט דֶעם וָואס דוּ גֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, דוּ גֵייסְט אִין 'וָואלְנַאט מַאוּנְטְן' שְׁפַּאצִירְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ קֶענְסְט שׁוֹין דָארְט יֶעדֶע בּוֹים אוּן יֶעדֶע וֶועג - פוּן אַזוֹי סַאךְ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת.

וָואלְנַאט אִיז אֱגוֹז, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ו, ב), אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ו, יא): "אֶל גִּנַּת אֱגוֹז יָרַדְתִּי", צוּם וָואלְנַאט מַאוּנְטְן בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען; וָואס עֶפֶּעס זֶענֶען אִידְן צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אֱגוֹזִים? זֵיי זָאגְן אַסַאךְ פְּשָׁטִים, אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים, אַז אַ נִיסְל וֶוען עֶס פַאלְט אִין בְּלָאטֶע קֶען מֶען דָאס אָפְּוַואשְׁן אוּן עֶס בְּלַייבְּט רֵיין אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר, אַנְדֶערְשׁ וִוי אַנְדֶערֶע פְּרוּכְט, אַזוֹי אוֹיךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶוען זֵיי פַאלְן אִין בְּלָאטֶע קֶענֶען זֵיי זִיךְ גוּט אָפְּוַואשְׁן מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. אוֹיךְ וַוייל אוֹיבּ מֶען פַאֲרדֶעקְט דִי וָוארְצְלֶען פוּן אַ נִיסְל בּוֹים קֶען דָאס נִישְׁט וַואקְסְן, אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער עֶס פַארְדֶעקְט זִיךְ, עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מִתְוַודֶה - "מְכַסֶּה פְשָׁעָיו לֹא יַצְלִיחַ" (מִשְׁלֵי כח, יג), עַיֵּין שָׁם בְּמִדְרָשׁ.

אַה מְחַיֶ' צוּ גֵיין צְווִישְׁן דִי פֶעלְדֶער שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בּוֹיט אוֹיף דִי אֱמוּנָה. דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז הַיינְט נָאכְן גֵיין אַזוֹיפִיל שָׁעוֹת הִתְבּוֹדְדוּת - אִיז דַיין אֱמוּנָה אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער; אַוַדַאי אִיז אַזוֹי, דָאס רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיט אוֹיף דִי אֱמוּנָה אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז מֶען דַארְף מֶער נִישְׁט קֵיינֶעם נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאסְט מִיךְ אַזוֹי מְחַיֶ' גֶעוֶוען אַז דוּ גֵייסְט מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע כַּוָונָה מִיטְן שְׁטֶעטְל, נָאר פַאר דֶעם אַז מֶען זָאל לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל גֵיין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער פִיר מִיךְ אוֹיפְן אֱמֶת'ן וֶועג, אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אִיךְ ווִיל לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ ווִיל נִכְלָל וֶוערְן אִין דִיר בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## נָאר מִיט שָׁלוֹם וֶועלְן מִיר מַצְלִיחַ זַיין

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**
**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ דַאנְק אַייךְ פַארְן הֶעלְפְן אִין דִי קְלֵיידֶער גֶעשֶׁעפְט אִין שְׁטֶעטְל וואו מֶען קֶען אַיינְקוֹיפְן פַאר אַפָּאר דָאלֶער שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן נִישְׁט וֶוערְן קַיין בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, מֶען קֶען לֶעבְן אָן חוֹבוֹת אוּן הָאבְן קְלֵיידֶער.

נָאךְ מֶער דַאנְק אִיךְ אַייךְ פַארְן אוֹיסְגְלֶעטְן אוּן אוֹיסְגְרַאדְן צְווִישְׁן דִי פְּרוֹיעֶן דִי וַואלֶענְטִירְן, עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַייךְ. עֶס לוֹינְט מִיר נִישְׁט דִי גַאנְצֶע קְלֵיידֶער גֶעשֶׁעפְט נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַייךְ, נָאר מִיט שָׁלוֹם וֶועלְן מִיר מַצְלִיחַ זַיין, נָאר מִיט שָׁלוֹם וֶועלְן מִיר בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה. אַזוֹי ווִי דֶער צַדִּיק רַבִּי חַיִּים וִיטַאל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט (סֵפֶר שִׁבְחֵי הָאֲרִ"י ז"ל) אַמָאל אִין אַן עֶרֶב שַׁבָּת הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ קְרִיגֶערַיי צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע וַוייבֶּער תַּלְמִידִים פוּן אַרִיזַ"ל, אוּן דֶער אַרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, "בְּקַבָּלַת שַׁבָּת בָּא אֵלַי הַמֶּלֶךְ הָרָע, וְאָמַר לִי", אִינְמִיטְן קַבָּלַת שַׁבָּת אִיז גֶעקוּמֶען דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט, "גַּם אַתֶּם גַּם מַלְכְּכֶם תִּסָּפוּ", אַז אִיךְ גֵיי נִפְטָר וֶוערְן, "וְכָל זֶה בִּגְלַל הַקְּטָטָה שֶׁהָיְתָה בֵּינֵיכֶם הַיּוֹם", אַלֶעס צוּלִיבּ דִי מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז הַיינְט גֶעשֶׁען צְווִישְׁן אַייךְ, "כִּי כָּל פַּעַם שֶׁהָיָה הַשָּׁלוֹם שׁוֹרֶה בֵּינֵיכֶם לֹא הָיְתָה לְמַלְאָךְ הַמָּוֶת דְּרִיסַת רֶגֶל", וַוייל ווִי לַאנְג עֶס אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַייךְ הָאט דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף מִיר, "כֵּן הָיָה בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים בְּאוֹתוֹ זְמַן נִתְבַּקֵּשׁ בִּישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ זַ"ל", וְכַךְ הֲוָה, אַז דֶער אַרִיזַ"ל אִיז יֶענֶע יָאר אַוֶועק; אַ שְׁרֶעק פוּן אַ מַעֲשֶׂה, דֶער אַרִיזַ"ל אִיז דָא מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים אוּן דִי וַוייבֶּער קְרִיגְן זִיךְ, אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַלֶע צָרוֹת; זָאלְט אִיר מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי אֵיין זַאךְ, עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן דִי אַרְבֶּעטֶער, דִי וַואלֶענְטִירְן.

אִיךְ בִּין דַאנְקְבַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אַייךְ, אָבֶּער נָאר דֶער וָואס זוּכְט נִישְׁט צוּ זַיין בַּעַל הַבַּיִת אוּן טְרֶעט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, אוּן אַז מִיר וֶועלְן

פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע אוּנְזֶערֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם - וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

### וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת אוּן סְגוּלוֹת וָואס אִיר הָאט נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי הֶערְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה וָואס אִיר הָאט, אוּן פַאר אַייעֶר טֵייעֶרֶע מַאן, אוּן פַאר דִי פַּרְנָסָה וָואס עֶנְק הָאבְּן; עֶנְק הָאבְּן אַלֶעס גוּט, עֶנְק הָאבְּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, עֶס פֶעלְט עֶנְק גָארְנִישְׁט.

אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט שׁוֹין גֶעטוּן אַלֶע עֵצוֹת אוּן אַלֶע סְגוּלוֹת צוּ וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער אֵיין עֵצָה אוּן אֵיין סְגוּלָה - הָאט אִיר נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט, דִי עֵצָה פוּן זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי עֵצָה פוּן גָארְנִישְׁט וֶועלְן, דִי עֵצָה פוּן וֶועלְן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אֵיךְ מְבַטְּלִין עַצְמוֹ", וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵּל, וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען אִיז אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב אִין מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען קֶען נִישְׁט מֶער? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מֶען פַארְמַאכְט זִיךְ דִי מוֹיל אוּן דִי אוֹיגְן, דָאס אִיז בִּיטוּל", מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת; זִיכֶער בַּיי אַייעֶר מַצָּב וָואס עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁלֶעכְט, עֶנְק ווִילְן נָאר מֶער פַּרְנָסָה אוּן מֶער קִינְדֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳; אִיז זִיכֶער דִי עֵצָה זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי עֵצָה אוּן דִי סְגוּלָה אִיז וואוּנְדֶערְלִיךְ, מֶען וֶוערְט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן אַזוֹי רוּאִיג.

צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים עט, י): "לָמָּה, יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם", אַ גוֹי זָאגְט "פַארְוָואס?" פַארְוָואס אַהֶער? פַארְוָואס אַהִין? אָבֶּער אַ אִיד זָאגְט: "אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן", מֶען פַארְמַאכְט זִיךְ דִי מוֹיל אוּן מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט: "פַארְוָואס?" "פַארְוֶוען?" וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז גוּט, מֶען פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן אוּן מֶען וִויל גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה.

נָאךְ אֵיין עֵצָה אִיז דָא, דִי עֵצָה פוּן תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מַאכְט אַייךְ אַ צֶעטְל אוּן שְׁרַייבְּט אַייךְ אוֹיף אַ לִיסְט פוּן זַאכְן וָואס אִיז גוּט, אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי זַאכְן, דָאס וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן וֶוערְן בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דָאס גוּטֶע זִיסֶע גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין גַּן עֵדֶן.

נָאכְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן זָאלְט אִיר זִיךְ אוֹיסְגִיסְן אַייעֶר הַארְץ אוּן בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין דֶעפְּרֶעסְט, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נָאר זֶען דַיינֶע חֲסָדִים, דַיינֶע נִיסִים - וָואס דוּ מַאכְסְט מִיט מִיר אוּן מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע שְׁלוֹם בַּיִת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֶען אִין מַיין מַאן נָאר גוּטְס, אִיךְ זָאל אִים לִיבּ הָאבְּן אוּן עֶר זָאל מִיךְ לִיבּ הָאבְּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט זֶען אִין אִים קַיין אֵיין חִסָּרוֹן, אוּן מַאךְ רוּעֶן דִי שְׁכִינָה צְווִישְׁן אוּנְז, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ".

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן אוּן אוֹיךְ צוּלֵייגְן אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, אוּן אִיר וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## לויב אויס דיין ווייב פאר די הייליגע זאך וואס זי האט געטון

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ה כִּסְלֵיו, א׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב פַּאר דַיין חֲתוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זָאל רוּעֶן בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ.

זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף לֶערְנֶען גְּמָרָא, לֶערְן יֶעדְן טָאג גְּמָרָא, גֵיי צוּ אַ שִׁיעוּר גְּמָרָא; ווייל נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה - לֶעבְּט מֶען אַ גוּט לֶעבְּן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אוֹיסְלוֹיבְּן דַיין ווייבּ פַאר דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ וָואס זִי הָאט גֶעטוּן, זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן אִיר הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה; בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ זָאלְן עֶנְק זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

...

## בֶּענְקֶען, וֶועלְן, און אָנְהוֹיבְּן צוּבִיסְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ה כִּסְלֵיו, א׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעלְט אִיז אַ זַאךְ וָואס הַיינְט הָאט מֶען און מָארְגְן - פַּארְלִירְט מֶען, און אִיבֶּערְמָארְגְן זֶעט שׁוֹין אוֹיס וִוי מֶען גֵייט שׁוֹין וֶוערְן רַייךְ; אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַזַא מַעֲשֶׂה, דִי מַעֲשֶׂה מִיט "דִי פְּלָאמְפּ".

וָואס אִיז יָא? וָואס אִיז אַ זַאךְ וָואס בְּלַייבְּט? תּוֹרָה, תְּפִלָּה, חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת; דָאס בְּלַייבְּט, דָאס פַאלְט נִישְׁט, יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען - אִיז נִצְחִיּוּת.

דֶערִיבֶּער טַייעֶרער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, בַּאנֵיי זִיךְ, יֶעצְט חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן וֶוערְן צוּרִיק פְּרִישׁ. מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כוּלָּהּ, לֵייג אַרַיין סְטִיקֶערְס אִין אַלֶע סְפָרִים; תַּנַ"ךְ, מִשְׁנָיוֹת, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, מֶדְרָשׁ רַבָּה, מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, תִּיקוּנִים, סִפְרֵי רַבֵּינוּ, סִפְרֵי הֲלָכָה, טוּר, שֻׁלְחָן

עָרוּךְ, רַמְבַּ״ם, אוּיךְ סִפְרֵי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. מֶען דַארְף נִישְׁט כַאפְּן אַלֶעס אוּיף אֵיין מָאל, אָבֶער מֶען דַארְף בֶּענְקֶען, וֶועלְן, אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּבִּיסְלִיךְ.

דִי אִינְוֶועסְטְמֶענְט לוֹינְט, דִי אִינְוֶועסְטְמֶענְט אִיז אַ זִיכֶערֶע.

...

## זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן אוּן אָטֶעמֶען דֶעם רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ה כִּסְלֵיו, א׳ דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי זִיךְ מְחַזֵּק מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וָואס רֶעדְן פוּן רֶבִּי׳ן אוּן אָטֶעמֶען דֶעם רֶבִּי׳ן. וַוייל דֶער בַּעַל דָּבָר לָאקֶערְט אוּיף יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִים מַחְלִישׁ דַּעַת זַיין, אִים אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן פוּן רֶבִּי׳ן; אֵיינֶער הָאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן זִיךְ, אֵיינֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן; מֶען מוּז זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, הָאבְּן חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן אוּן אָטֶעמֶען דֶעם רֶבִּי׳ן, נָאר אַזוֹי בְּלַייבְּט מֶען בַּיים רֶבִּי׳ן, אוּן אָן דֶעם פַאלְט מֶען בַּיים סוֹף אַוֶועק.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שכה), אוּן אַזוֹי פְּלֶעגְט זִיךְ רֶבִּי נָתָן פִירְן, אוּן אוּיב אִיז קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען רֶעדְן צוּ אִים פוּן רֶבִּי׳ן - אִיז עֶר אַרוֹיס אִין גַאס זוּכְן צוּ וֶועמֶען עֶר קֶען רֶעדְן פוּן רֶבִּי׳ן; הַיינְטִיגֶע טֶעג קֶען מֶען דוּרְכְן רֶעדְן אוּיפְן טֶעלֶעפָאן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַ גוּטֶער חָבֵר.

ווּאוּיל אִיז דֶעם וָואס זוּכְט עֵצוֹת צוּ בְּלַייבְּן פְרִישׁ אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת.

...

## דַאנְקֶען און לויבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, כ״ח כִּסְלֵיו, ד׳ דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵּק, מְעוֹדֵד וּמְשַׂמֵּחַ, לָאמִיר טַאנְצְן אִינְאֵיינֶעם: ״בְּךָ רַבֵּינוּ נָגִילָה, בְּךָ רַבֵּינוּ וְנִשְׂמְחָה״, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, און אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט פַאר זֶעכְצְן יָאר אִין אַ צִי, יֶעדְן טָאג, אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַ גַאנְצֶע שָׁעָה צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְן אַרָאפְּשִׁיקְן אַזַא הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִיז וִויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעבֶּעטְן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי יוּדְל פוּן דַאשׁוּב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תרי): ״זָאג מִיר עֶפֶּעס נָאךְ פוּן דַיין רֶבִּי׳ן, רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ״, אֵיידֶער רֶבִּי יוּדְל אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד בַּיים צַדִּיק וְקָדוֹשׁ רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער, הָאט רֶבִּי יוּדְל גֶעזָאגְט: ״לִכְאוֹרָה פַארְוָואס זָאגְן מִיר ׳אָשַׁמְנוּ׳ בִּלְשׁוֹן רַבִּים, מֶען דַארְף דָאס וֶוען זָאגְן ׳אָשַׁמְתִּי, בָּגַדְתִּי׳ בִּלְשׁוֹן יָחִיד, וָואס אִיז דֶער לָשׁוֹן רַבִּים אָשַׁמְנוּ - מִיר הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט? בָּגַדְנוּ מִיר הָאבְּן גֶעפֶּעלְטְשְׁט? נָאר מִיר קוּמֶען מִיט אַ טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאגְן, ׳רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ צוּזַאמֶען מִיט דִיר כִּבְיָכוֹל הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט, וֶוען דוּ נֶעמְסְט וֶוען אַרוֹיס דַיין כֹּחַ פוּן מִיר וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט, דֶערְפַאר בֶּעטְן מִיר דִיר, זַיי אוּנְז אִינְאֵיינֶעם מוֹחֵל׳״.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ צוּפֵייעֶרְט און גֶעזָאגְט: ״מִיר זָאגְן אוֹיךְ אַזוֹי״, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק פוּן דִי פָּרָשַׁת הַשָּׁבוּעַ, (בְּרֵאשִׁית מד, יח): ״וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה״, אַ אִיד קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי״, און זָאגְט, זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, וַוייל ״בִּי״, אִין מִיר, ״אֲדֹנִי״.

די וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין דִיךְ צוּ שְׁפִּירְן? וֶוען וֶועל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז 'בִּי אֲדֹנִי', דוּ בִּיסְט אִין מִיר, בַּיי מִיר און נֶעבְּן מִיר? הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, און קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן און נִישְׁט שֶׁעדִיגְן".

דֶער עִיקָר פוּן חֲנוּכָּה אִיז דַאנְקֶען און לוֹיבְּן, גָארְנִישְׁט מֶער און גָארְנִישְׁט וֵויינִיגֶער; דָאס קֶענְסְטוּ טוּן וואוּ דוּ גֵייסְט און וואוּ דוּ שְׁטֵייסְט, זָאג נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל: "טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיר, טַאטֶע אִיךְ לוֹיב דִיר פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

**פְּרוּבִּיר כָאטְשִׁיג אַרוֹיס צוּ גֵיין, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, כ"ט כִּסְלֵיו, ה' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ זִיךְ אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה אָנְצוּהוֹיבְּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין תַּנַ"ךְ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֵין יַעֲקֹב, מֶדְרָשׁ רַבָּה, זוֹהַר הַקָדוֹשׁ און אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

אַז דוּ פַאלְסְט אִין בְּלָאטֶע - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן וְכוּ', הֵייבּ אוֹיף אֵיין פוּס, פְּרוּבִּיר כָאטְשִׁיג אַרוֹיס צוּ גֵיין, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, גֶעבּ נִישְׁט נָאךְ דֶעם יֵצֶר הָרָע. דֶער רֶבִּי זָאגְט, וֶוען מֶען גֵייט אִין בְּלָאטֶע אִיז דֶער עִיקָר אַ פוּס אַרֵיין אַ פוּס אַרוֹיס, אַ פוּס אַרֵיין און אַ פוּס אַרוֹיס, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף.

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן דֶעם צַדִּיק, אֵיין אָפֶּענֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּן

דֶעם צַדִיק מוּז אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן. מוֹהֲרָא"ש הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי אַהֲרֹן גְלִידְמַאן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַ זוּן פוּן רֶבִּי מֹשֶׁה טְשֶׁעֶנְסְטֶעחָאוֶוער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (רֶבִּי לֵוִי יִצְחָקְ'ס שְׁוָואגֶער), שִׂיחוֹת וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן, וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן דֶעם גֶעטְלִיכְן מַאן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוּן אִין אֵיין שִׂיחָה הָאט רֶבִּי אַהֲרֹן גֶעשְׁרִיבְּן אַזוֹי:

בִּשְׁנַת תרע"ה וֶוען אִיךְ הָאבּ בַּאגְלֵייט רֶבִּי אַבְרָהָם אִין מִקְוֶה, אוֹיפְן וֶועג אַרוֹיס, הָאט רֶבִּי אַבְרָהָם זִיךְ צוּ מִיר אָנְגֶערוּפְן: "אִין פוּפְצִיג יָאר אַרוּם וֶועט זַיין נֵייעֶ זַאכְן אִין רֶבִּינְ'ס זַאךְ, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן רֶבִּי אַבְרָהָם הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן מִיר גֶעזָאגְט, אוּן דוּ וֶועסְט אִים נָאךְ קֶענֶען...", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן, פוּן תרע"ה בִּיז תשכ"ה אִיז פִּינְקְט פוּפְצִיג יָאר, אוּן דֶעמָאלְט אִיז מוֹהֲרָא"ש גֶעקוּמֶען אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. (קוּק נָאךְ דִי שִׂיחָה אִין אֲשֶׁר בַּנַחַל, כְּרַךְ יא, מִכְתָּב א' שסד, שְׁנַת תשל"ד).

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אֲשֶׁר בַּנַחַל שָׂם גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים, אַזֶעלְכֶע עֵצוֹת וָואס וֶועקְט אוֹיף טוֹיטֶע מֶענְטְשְׁן אוּן מַאכְט לֶעבְּן, מֶען זָאל רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אוּן אֲפִילוּ נָאךְ טוֹיזְנְט מָאל אַרָאפְּפַאלְן - זָאל מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהוֹיבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְּרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## דִי שֶׁענְסְטֶע עֲבוֹדָה בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, א' דְראֹשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס קוּקְסְטוּ אוֹיף אַ צְוֵוייטְן? וָואס בִּיסְטוּ מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן? וָואס וֵוייסְטוּ וֶוער אִיז חָשׁוּב אוֹיבְן? מִיר זֶענֶען בַּיים רֶבִּינְ'ס חֶדֶר, דָאס אִיז דִי א-ב בַּיים רֶבִּי'ן; נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, זוּכְן אִין זִיךְ גוּטֶע נְקוּדוֹת אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, זוּכְן אִין זִיךְ דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אוֹיף דֶעם.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ה): "אַל תִּתְאַוֶּה לְשֻׁלְחָנָם שֶׁל מְלָכִים", גְלִיסְט נִישְׁט צוּ הָאבְּן יֶענֶעמְ'ס טִישׁ, "שֶׁשֻּׁלְחָנְךָ גָּדוֹל מִשֻּׁלְחָנָם", וַוייל דַיין טִישׁ אִיז שֶׁענֶער אוּן גְרֶעסֶער פוּן זֵייעֶר, "וְכִתְרְךָ גָּדוֹל מִכִּתְרָם", אוּן דַיין קְרוֹין אִיז שֶׁענֶער אוּן גְרֶעסֶער פוּן זֵייעֶר; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דָאס מֵיינְט מֶען מֶען זָאל נִישְׁט מְקַנֵא זַיין יֶענֶעמְ'ס עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וַוייל אַמָאל קֶען זַיין אַז דַיְיקָא דֶער וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוּן מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען, מֶען כַאפְּט אַרוֹיס אַבִּיסְל תּוֹרָה - דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע עֲבוֹדָה בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוֹיף תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, בְּעִיקָר פַאר דִי נֵס אַז מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם פַּךְ שֶׁמֶן, דֶער צַדִּיק הַדּוֹרוֹת, וָואס שְׁטַארְקְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט נַארְן, מִיר זָאלְן אַרַיינְכַאפְּן גוּטְס וָואס בְּלַייבְּט, וָואס מִיר וֶועלְן מִיט נֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## מֶען דַארְף מַחְמִיר זַיין מִיטְן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ז׳ דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן זָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, נָאר דָאס וֶועט דִיר בְּלַייבְּן, נָאר דָאס אִיז תַּכְלִית. נֶעם אַ גְמָרָא אוּן זָאג בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דָאס וֶועסְטוּ מִיט נֶעמֶען מִיט דִיר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

הֶער אוֹיס וָואס צַדִיקִים זָאגְן, נָאר דִי צַדִיקִים וֵוייסְן וָואס אִיז תַּכְלִית אוּן וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ. הֶער אַ מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז דָאקְטֶער לָאנְדָא פוּן אוּמַאן אַרַיין צוּ רֶבִּי נָתָן אִין שְׁטוּבּ אוּן גֶעהֶערְט וִוי רֶבִּי נָתָן רֶעדְט פוּן תַּכְלִית, עֶר הֶערְט זִיךְ צוּ וָואס רֶבִּי נָתָן רֶעדְט, ״אָדָם לְעָמָל יוּלָד״ (אִיּוֹב ה, ז), מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁעְן זִיךְ פַאר גָארְנִישְׁט, נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז תַּכְלִית, נָאר דָאס אִיז וֶוערְד, נָאר דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. דָאקְטֶער לָאנְדָא טְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳וָואס וֵוייסְט דֶען רֶבִּי נָתָן וָואס מֵיינְט גוּט אַז עֶר רֶעדְט פוּן גוּטְס? וֵוייסְט עֶר דֶען וִוי גְלִיקְלִיךְ אִיךְ בִּין, אִיךְ הָאבּ הַיינְט פַארְדִינְט גְרוֹיס גֶעלְט, אוּן גֶעקוֹיפְט אַ טֵייעֶרֶע צִירוּנְג פַאר מַיין וַוייבּ, וָואס הָאט דֶען רֶבִּי נָתָן אֲפִילוּ אַן אַנוּנְג וָואס גוּטְס מֵיינְט?׳ אוּן רֶבִּי נָתָן זָאגְט וַוייטֶער: ״אַ מֶענְטְשׁ קֶען פַארְדִינֶען גֶעלְט אוּן אֲפִילוּ קוֹיפְן אַ טֵייעֶרֶע צִירוּנְג פַאר זַיין וַוייבּ, אוּן עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּן גֶעבְּט אִיר דִי מַתָּנָה, אוּן זִי אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, עֶס וֶוערְט אַ גַאנְצֶע מַחֲלֹקֶת פוּן דֶעם, עֶר אַנְטְלוֹיפְט פוּן שְׁטוּבּ אוּן זוּכְט נָאר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ הַרְגְ׳עֶנֶען״, דר. לָאנְדָא טְרַאכְט: ׳אַ בַּטְלָן דֶער רֶבִּי נָתָן, וָואס רֶעדְט עֶר? וָואס וֵוייסְט עֶר?!׳

לְמַעֲשֶׂה אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען גֶערֶעכְט, דֶער דָאקְטֶער לָאנְדָא אִיז אַהֵיים, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין וַוייבּ דִי מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט אִיר גֶעקוֹיפְט, אוּן זִי הָאט דָאס נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט. עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ קְרִיגֶערֵיי צְווִישְׁן זֵיי, בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן שְׁטוּבּ, עֶס אִיז אִים גֶעוָוארְן אַזוֹי בִּיטֶער אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן פוּן זִיךְ הַרְגְ׳עֶנֶען. עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן גֶעזָאגְט: ״אֵיי וִוי גוּט הָאט אִיר צוּגֶעטְרָאפְן; פִּינְקְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם

שְׁמוּעֶס הָאט בַּיי מִיר פַּאסִירְט״, רֶבִּי נָתָן הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען, בִּיז עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן זִיךְ הַרְגְ׳עֶנֶען.

נֶעם נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה נִישְׁט צוּ קוֹיפְן מֶער מַתָּנוֹת וְכוּ׳; קוֹיף יָא מַתָּנוֹת פַאר דַיין וַוייבּ, אָבֶּער נָאר אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר מִינוּט יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נָאר צַייטְוַוייליגֶע זַאכְן, עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט גָארְנִישְׁט; נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה, נָאר חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת - דָאס בְּלַייבְּט, דָאס אִיז נִצְחִיוּת.

חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן אָנְהוֹיבְּן פְרִישׁ אִינְוֶועסְטִירְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אִינְוֶועסְטִירְן אִין שִׂמְחָה; טַאנְצְן אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין שְׁטוּבּ, גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַלֶעמֶען; דִי מַאן פַאר דִי וַוייבּ אוּן דִי וַוייבּ פַארְן מַאן, אוּן בֵּיידֶע - פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין קַארְג בַּיים גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן מֶען דַארְף מַחְמִיר זַיין, אֲפִילוּ עֶס קוּמְט זִיךְ נִישְׁט דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער - זָאל מֶען עֶס גֶעבְּן, בַּאגִיסְן יֶעדֶע קִינְד בַּאזוּנְדֶער מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער דָאס אִיז דִי גֶעזוּנְטְסְטֶע זַאךְ, דָאס מַאכְט זֵיי וַואקְסְן גֶעזוּנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## אַ דִינֶער פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ז׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט אִיז דִי הֵיילִיגֶע טָאג זֹאת חֲנוּכָּה. עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים אַז מֶען קֶען פּוֹעֶלְן זֹאת חֲנוּכָּה יְשׁוּעוֹת, זָאלְסְטוּ זִיךְ הִיטְן פוּן קִנְאַת הַמַּלְאָכִים; הִיט זִיךְ פוּן כַּעַס אוּן פוּן מַחֲלֹקֶת, וַוייל יֶעדֶע מָאל עֶס קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג

ווערט אַ פַּחַד, דִי מַלְאָכִים זֶענֶען מְקַנֵא דֶעם מֶענְטְש און זֵיי זוכְן אִים אַרָאפּ צו וַוארְפְן אִין מַחֲלֹקֶת, אִין כַּעַס, פַאר שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים. וועסְט גוּט קוּקְן, יֶעדֶע שַׁבָּת און יוֹם טוֹב, און אויךְ בַּיי שִׂמְחוֹת - ווערְט דֶער מֶענְטְש צֶעשְׁפִּילְט מִיט נֶערְוֶועז וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶען הוֹיבְט אָן שְׁרַייעֶן אוֹיף דִי וַוייבּ און קִינְדֶער, מֶען הוֹיבְט אָן מִיט פַארְשֶׁעמֶען הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; זָאלְסְטוּ זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט צו וֶוערְן בְּכַעַס. הַיינְט נַאכְט בַּיים צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה זַיי זִיךְ מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן, נָאר אֵיין זַאךְ - שִׂמְחָה.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, פְרַייטָאג פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת - גֶעפַאלְט אוֹיס דִי יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. לֵיל שִׁישִׁי וֶועלְן מִיר מַאכְן דִי יָארְצַייט סְעוּדָה אִין מָאנְסִי, אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ דִינֶער פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ. אִיךְ לַאדְן דִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט קוּקְן אוֹיף דִי מוֹסְדוֹת ווִי דַיינֶע אֵייגֶענֶע מוֹסְדוֹת, וַוייל בַּיי מִיר אִיז דָאס אַזוֹי חָשׁוּב און אַזוֹי ווִיכְטִיג; מִיר זָאלְן הָאבְּן רֵיינֶע עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ, גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵייליכְן חֲנוּכָּה און אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

### וָואס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי זִיךְ מִתְוַדֶה, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, און אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְזָאגְן אַלֶעס בְּפֶּה מָלֵא פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און צוּזָאגְן אַז דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט טוּן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין און דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צו אֱמֶתְ׳עֶ תְּשׁוּבָה.

דֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן פְרֶעגְט (בֵּאוּר הַלִּקּוּטִים, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וְיֵשׁ לְהִתְפַּלֵּא), דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ - דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה, פְרֶעגְט עֶר, וִוי קֶען זַיין אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז 'יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק', וֶוען אִין אַלֶע דוֹרוֹת אַרוֹיף בִּיזְן רֶבִּי'ן וֶוערְט נִישְׁט דֶערְמַאנְט דִי זַאךְ פוּן 'יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק', אִיז אַלֶע דוֹרוֹת בִּיזְן רֶבִּי'ן הָאבְּן נִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן? הֲגַם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יב:): "כָּל הָעוֹבֵר עֲבֵירָה וּמִתְבַּיֵּשׁ בּוֹ, מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו", וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אוּן טוּט תְּשׁוּבָה - אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער דָאס אִיז מִצַּד דִי יְסוּרִים וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער, אָבֶּער נִישְׁט אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה, אוּן נָאכְמֶער פְרֶעגְט עֶר, וִוי קֶען זַיין אַז תְּשׁוּבָה זָאל זַיין תָּלוּי אִין אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ? עֶס קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיבּ וֶועט קֵיינֶער אִים נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, קֶען מֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ תְּשׁוּבָה? אוּן אֲפִילוּ מֶען וִויל תְּשׁוּבָה טוּן קֶען מֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן נָאר אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט קוּמֶען מִיךְ פַארְשֶׁעמֶען? אוּן נָאכְמֶער, וִוי קֶען זַיין אַז תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אַן עֲבֵירָה, וַוייל פַארְשֶׁעמֶען אִיז דָאךְ אַן עֲבֵירָה! קוּמְט אוֹיס מֶען קֶען נָאר זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה אוֹיבּ אַ צְוֵוייטֶער קוּמְט אוּן פַארְשֶׁעמְט?!

זָאגְט עֶר, 'עִיקַר הַתְּשׁוּבָה יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק' - אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן עֶר וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט - דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן: "וֶוערְסְטוּ רֵיךְ רוֹיט פַאר בּוּשָׁה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!" אַז מֶען דַארְף דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בְּמַחְשָׁבָה דִיבּוּר אוּן מַעֲשֶׂה, אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אוּן אִיבֶּער בֶּעטְן, אוּן צוּזָאגְן אַז מֶען גֵייט מֶער נִישְׁט טוּן, דָאס אִיז תְּשׁוּבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען סְפָרִים

אַ סֵפֶר אוֹיף דֶער עֶרְד? וָואס אִיז מִיט אַייךְ? אִיר שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט? אִיר לֵייגְט אַ סֵפֶר וָואס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה און קְדוּשָּׁה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּנֶעם בֶּענְקְל? וָואס גֵייט דָא פָאר??!

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט וָואס דֶער רָב דָארְט אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי מִתְנַגְּדִים אוֹיף חֲסִידִים, דֶער רָב הָאט גֶעוִויזְן פַארְן הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא וִוי עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנְטֶער דִי בֶּענְקְל, אַז דִי בֶּענְקְל זָאל זִיךְ נִישְׁט שָׁאקְלֶען, עֶר פְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא אוֹיבּ עֶר קֶען אִים דֶערְצֵיילְן וֶועגְן דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פוּן דֶעם סֵפֶר.




אַ סֵפֶר אוֹיף דֶער עֶרְד?!

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט פַאר דֶעם רָב, דֶער מִתְנַגֵּד: "אַ סֵפֶר אוֹיף דֶער עֶרְד? וָואס אִיז מִיט אַייךְ? אִיר שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט? אִיר לֵייגְט אַ סֵפֶר אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּנֶעם בֶּענְקֶל? וָואס גֵייט דָא פָאר?!"

אִיר ווילְט אִיךְ זָאל אַייךְ דֶערְצֵיילְן פוּן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק? אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ אַייךְ זָאגְן, וָואלְט אִיר אִים אַלֵיין גֶענוּמֶען אוּן אִים גֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנְטֶערְן בֶּענְקֶל - וָואלְט עֶר גֶעשְׁוִויגְן אוּן גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, וַוייל דֶער צַדִּיק אִיז אַן עָנָיו אוּן זֵייעֶר קְלֵיינְטְשִׁיג בַּיי זִיךְ.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען קַיין סְפָרִים, אוּן נָאךְ אַ זַאךְ לֶערְנֶען מִיר זִיךְ; דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים, ווִי זֵיי זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיךְ הָאבְן אַ גוּט לֶעבְן, אוּן ווִי פַארְשֶׁעמְט זֵיי זֶענֶען, ווִי מֶען וַוארְפְט זֵייעֶרֶע סְפָרִים אוֹיף דֶער עֶרְד.

מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אוּן אוֹיף זֵייעֶר סְפָרִים.